# אַ מַעֲשֶׂה פַאְרְן שַׁבָּת טִישׁ

דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ רֹאשׁ יְשִׁיבַת תִּפְאֶרֶת הַתּוֹרָה בְּרֶסְלֶב

## זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט

זִי שְׁרֵייט קוֹלֵי קוֹלוֹת...

"פַאר דֶעם אֶתְרוֹג הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה תְּפִלִּין פוּן דַיין טַאטְן, אוּן וֶוען אִיךְ בֶּעט דִיר שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מִיר הוּנְגֶערְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶסְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, אוּן אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט פַארְקוֹיפְן דִי יְרוּשָׁה תְּפִלִּין הָאסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעטוּן?"
זִי שְׁרֵייט אוּן זִי לוֹיפְט אַהִין אוּן צוּרִיק, זִי זוּכְט דִי אֶתְרוֹג...

דֶער צַדִּיק רֶבִּי מִיכְל'עֶ זְלָאטְשׁוּבֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אָרֶעם, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט גֶעוֶוען אִין שְׁטוּב, עֶר הָאט פַארְמָאגְט אַ גְרוֹיסֶער אוֹצָר, דִי תְּפִלִּין פוּן זַיין הֵיילִיגְן טַאטְן, דֶער צַדִּיק רֶבִּי יִצְחָק דְרוּבִּיטְשֶׁער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, דִי תְּפִלִּין אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר חָשׁוּבְ'עֶ תְּפִלִּין, גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים הָאבְּן דָאס גֶעוָואלְט אָפְּקוֹיפְן אוּן בַּאצָאלְן פַאר דֶעם אַסַאךְ גֶעלְט.

אָן אַ שִׁיעוּר מָאל פְלֶעגְט זַיין וַוייבּ וֵויינֶען צוּ אִים: "אֶפְשָׁר זָאלְסְטוּ פַארְקוֹיפְן דִי תְּפִלִּין אוּן מִיט דִי גֶעלְט וֶועלְן מִיר קֶענֶען קוֹיפְן עֶסְן פַאר אוּנְזֶערֶע קִינְדֶער?" אוּן דֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט פַארְקוֹיפְן דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין.

בִּיז אֵיין יָאר עֶרֶב סוּכּוֹת, דֶער צַדִּיק הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קוֹיפְן אַן אֶתְרוֹג מִיט אַ לוּלָב, הָאט עֶר פַארְקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע תְּפִלִּין אוּן מִיט דִי גֶעלְט הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט אַן אֶתְרוֹג. וֶוען דִי רֶעבֶּעצִין הָאט דָאס גֶעהֶערְט אִיז זִי גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז, זִי הָאט

גֶעשְׁרִיגְן: ״פַאר דֶעם אֶתְרוֹג הָאסְטוּ פַארְקוֹיפְט דִי הֵיילִיגֶע יְרוּשָׁה תְּפִילִין פוּן דַיין טַאטְן, און וֶוען אִיךְ בֶּעט דִיךְ שׁוֹין אַזוֹי לַאנְג אַז מִיר הוּנְגֶערְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קַיין עֶסְן, מִיר הָאבְּן נִישְׁט וָואס צוּ גֶעבְּן פַאר דִי קִינְדֶער, און אִיךְ בֶּעט דִיר זָאלְסְט פַארְקוֹיפְן דִי יְרוּשָׁה תְּפִילִין – הָאסְטוּ דָאס נִישְׁט גֶעטוּן?״ זִי שְׁרֵייט און זִי לוֹיפְט אַהִין און צוּרִיק, זִי זוּכְט דִי אֶתְרוֹג, בִּיז ... אוֹי וֵויי, זִי הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בַּייס אִינֶעם אֶתְרוֹג, זִי הָאט אַרָאפְּגֶעבִּיסְן דִי פִּטוּם און אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן דֶעם אֶתְרוֹג אוֹיף דֶער עֶרְד, דִי אֶתְרוֹג אִיז גֶעוָוארְן פָּסוּל.

דֶער צַדִיק הֵייבְּט אוֹיף זַיינֶע הֶענְט און זָאגְט פַארְן בַּאשֶׁעפֶער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ נֶעם אָן מִיט לִיבְּשַׁאפְט אַז מַיין אֶתְרוֹג אִיז פָּסוּל, אִיךְ בִּין נִישְׁט בְּרוֹגֶז און אִיךְ בְּלַייב פְרֵיילִיךְ״.

אִינְמִיטְן דִי נַאכְט, דֶער צַדִיק שְׁלָאפְט אִין דִי סוּכָּה און עֶר חָלוֹמְ׳ט זִיךְ אַז זַיין הֵיילִיגֶער טַאטֶע זָאגְט אִים: ״מִיכְל׳עֶ מִיכְל׳עֶ, אִין הִימְל אִיז מֶען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ מִיט דֶעם וָואס דוּ הָאסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶערֶעגְט, נָאךְ מֶער וִוי דִי מִצְוָה וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן אַז דוּ הָאסְט פַארְקוֹיפְט דִי תְּפִילִין צוּ קֶענֶען קוֹיפְן ד׳ מִינִים״.




טֵייעֶרֶע קִינְדֶער, אוֹיב עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט וִוי מִיר ווִילְן גֵייעֶן מִיר גֶעדֶענְקֶען פוּן דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים, וִוי זֵיי בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ אֲפִילוּ וֶוען מֶען נֶעמְט זֵיי אַלֶעס צוּ, און מִיר גֵייעֶן זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְרֶעגְן, מִיר גֵייעֶן בְּלַייבְּן פְרֵיילִיךְ.

**נלקח מתוך הספר "עצתו אמונה"**

צוּ הֶערְן דִי מַעֲשֶׂה דֶערְצֵיילְט דוּרְךְ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א, רוּפְט קוֹל בְּרֶסְלֶב:
א״י: 07970-400-66
ארה״ב: 212-444-9191, 1-5-2-1